יחיאל פיינער

# הערבסט=בלומען...



אין מיין איינזאַם שטיבעל וועט די היינטיגע נאַכט אַ מת איבערנעכטיגען. דער זומער איז געשטאָרבען...

זיץ איך יעצט איינער-אַליין צווישען די פער'יתום'טע ווענטלעך און טראַכט:

ווען האָט דאָס פּאַסירט?

דאַכט-זיך עמיצער האָט מיין נאָמען אויסגערופען. איך קוק מיך אום מיט פערוואונדערונג, אין מיין שטיבעל איז פּאָרט קיינער נישטאָ נאָר איך און דער הערבסטיגער פאַרנאַכט. מיינע אויגען ווערען גרויס און צעשראָקען. עפּעס טויכט-אויף אין געדאַנק, איך דערמאַן מיך, איך ווייס דעם סוד –

מיט'ן היינטיגען טאָג איז אויך אַוועק דאָס צווייאונצוואַנציגסטע יאָהר פון מיין אומעטיג לעבען... אָפּגעוויקעלט זיך דאָס צווייאונצוואַנציגסטע ראָד פון מיין טרויעריגען געשפּאַן און אַוועקגעקוילערט זיך אין אַ ווייטע, פערהוילענע אייביגקייט...

נאָך אַ רינג זיך אָבגעריסען פון מיין לעבענס-קייט און אַוועקגעקייקעלט-זיך ווייט, ווייט. איך הער ווי עס גייט דאָרט אויס זיין לעצטער קלאַנג...

איך וועל דאָס אָבגעריסענע ראָד מער נישט דעריאָגען, פונקט ווי איך וועל קיינמאָל שוין נישט ענטפלעקען דעם סוד פון מיין צעווייטאָגדיגטע נשמה... זיץ איך יעצט איינער-אַליין צווישען די פער'יתום'טע ווענטלעך פון מיין פערוואָרפען, איינזאַם שטיבעל און טראַכט:

נאָך אַ בוים פון מיין וואַלד אונטערגעבראָכען... נאָך אַ חלום פערלאָשען... און אַנ'אָבשטאַרבענדיג יאָהר האָט אין אויסגייענדיגע גסיסה מיין נאָמען אויסגערופען...

איך וועל דאָס אַוועקגייענדיגע יאָהר שוין קיינמאָל נישט דעריאָגען. קוק איך עס נאָך מיט פערטראַכטע אויגען און זעה: – שאָטענס פון הערבסט פיהרען אַ יאָהר אין קבר...

ווען האָט דאָס פּאַסירט?

היינט אינדערפריה האָב איך אַ ווייסע בלום געקויפט און זי אַוועקגעשטעלט אין אַ סלאָי-וואַסער אויפ'ן פענסטער פון מיין בעשיידען שטיבעל. איצט ליגט די בלום אַנ'איבערגעבראָכענע אין הערבסטיגען חלשות...

היינט אינדערפרי האָט דער אַראָמאַט פון אַ ווייסע, פרישע בלום מיין איינזאַם שטיבעל אָנגעפּיהלט. עפּעס האָט זיך מיר אַזאַ פריידיגע בענקשאַפט אינ'ם האַרצען צולעהגט; היינט אינדערפריה האָט אַ האָפנונג איבער מיין עלענד אויפגעוואַכט. יעצט אין סוף-זומער'דיגען פאַרנאַכט שטעה איך געבויגען איבער די גסיסה פון אַ ווייסע בלום וואָס איז אין אַ סלאָי-וואַסער אויף מיין פענסטער אויסגעגאַנגען...

מיט ציטערדיגע הענד האָב איך אויפגעהויבען די ווייסע אָבגעוועלקט בלעטלעך און זיי איבערציילט:

צווייאונצוואַנציג בלעטלעך...

היינטיגע נאַכט וועט אין מיין איינזאַם שטיבעל אַ מת איבערנעכטיגען – – –

ווי אַן' אַלטע פון צוויי שורות בוימער שטעהען יעצט אויסגעסדר'ט מיינע טעג, און איך שפּאַציר צווישען זיי.

ווי יתומים מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, בויגען זיך זייערע צווייגען, איך זיך צווישען זיי מיינע פערלוירענע האָפנונגען.

אינדרויסען האָט דער הימעל זיך הערבסטיג פערלאָשען: און דאָס אָפענע פענסטער פון מיין שטיבעל מאַכט דעם איידרוק פון אַ אויפגעשפּרייט פינסטער מויל וואָס שפּייט-אויס אַ פאַרנאַכטיג געלעכטער...

ווי צוויי שורות בוימער שטעהען אויסגעסדר'ט מיינע טעג, צווישען זיי איז פערלוירען געגאַנגען דאָס געזאַנג פון מיין פריהלינג. און ס'האָט אָבגעקלונגען ווי אַ ווידער-קול דאָס ליד פון מיין טרויער...

אינדרויסען איז צוזאַמען מיט'ן היינטיגען טאָג דער זומער אָבגעשטאָרבען. אויף מיין פענסטער האָט אַ ווייסער כריזאַנטעם אָבגעוועלקט. און עפּעס וויגט זיך אַזוי מאָדנע אין ווינקעל פון מיין טונקעל, איינזאַם שטיבעל, אַ סילועט פון אַ יונגען מענשען: ס'איז די תפילה פון מיינע צווייאונצוואַנציג יאָהרען!

שרעקט זיך מיין האַרץ, ווי עס שרעקען די שאָטענס אין הערבסט, שווייגען מיינע ליפּען, ווי עס שווייגט דער בין-השמשות וואָס נעסטעט יעצט צוזאַמען מיט מיר אין מיין איינזאַם שטיבעל...

* * *

נאָך אַ יאָהר פערפלאָסען

איך זעה ווי עס שפּרייזט אַ געהיימע געשטאַלט. זי איז געהילט אין שוואַרצען, איהרע האָר זיינען גראָה און די אויגען ווייס, ווי פערקאַלכטע מצבות... זי קלייבט אין אַ אויסגעשפּרייט לייווענד מיינע אָבגעשטאָרבענע יאָהרען.

אָט שפּאַנט זי, די געהיימע, געהיימע געשטאַלט וואָס רופט זיך – צייט.

זי דערמאָנט מיר מיין אַלטע היים, אַ נאָהענט קבר אויף מיין שטעדטעל'דיגען בית-עלמין. דאָרט ליגט מיין האָפנונג אונטער אַ בערגעל ערד פערשאָטען; די קרוין פון מיין פער'יתום'טען קאָפּ. און בייזע כוחות טראָגען די פרייד פון מ״ין פערשניטענע יוגענד אויף זילבערנע טאַצען...

אין דער היינטיגער נאַכט האָב איך דערשפּירט אַ גרויסע ענטפלעקונג. מיין האַרץ האָט אויפגעצאַפּעלט ווי אַ סטרונע פון בעריר און געלאָזט נאָך זיך אַ צוציגענעם אָבקלאַנג. אין דער היינטיגער נאַכט האָט אַ געהיימע האַנד אַ פונק אין מיין טונקעל שטיבעל אָנגעצונדען. אויפ'ן ראַנד פון אַ יאָהר-פערגאַנג און ניי-יאָהר אָנקום, האָט עפּעס מיין האַרץ מאָדנע אַ ציטער געטהון.

און אויב איהר וועט אַ מאָל לייענען די פּאָעמע: „שווייג-יתזם'ל-שווייג" – וואָס איך האָב אין יענע נאַכט געשאַפען – זאָלט איהר דאָרט זוכען דעם ציטער וואָס מיין האַרץ האָט געטאָן אין יענער פאַר מיר גרויסער נאַכט.

---

אליעזר שינדלער

## אַז מען הייסט שרייבען... (חסידיש)

— ר' יהודה לייב אָרלעאַן נ"י און זיין בני בית אַ האַרציגען יישר כח. —

דער צדיק ר' צבי אלימלך פון דינאָוו ז"ל – דער מחבר פון „בני יששכר און פון נאָך אַנדערע קבלה-ספרים איז כל-ימי-חייו געווען אַ אָרימאַן אַנ'אביון און האָט געלעבט אין גרויס דחקות. אָפט האָט זיך אין זיין שטוב קיין כזית ברויט נישט געפונען.

איינמאָל האָט אַ פריינד איהם איבערגעלאָזט צוויי גראָשען. האָט דעם צדיק'ס ווייב געגעבען אַ שכנה אַ גראָשען זי זאָל קויפען צוויי בייגעל.

די שכנה איז געווען טויבליך האָט זי אנשטאָט בייגעל געקויפט פּאַפּיער צום שרייבען.

האָט די רבצין דאַן איהר אַוועקגעגעבען דעם צווייטען גראָשען און נאָכאַמאָל געשיקט נאָך בייגעל, האָט די שכנה ווידער געבראַנגט טינט און פעדער...

האָט דער גרויסער מקובל עליו השלום מיט אַ געלעכטערל געזאָגט צו זיין פרוי:

„דו זעהסט דאָך אַז מען הייסט פון אויבען שרייבען".

און ער האָט זיך גענומען אויפשרייבען זיינע וואונדערליכע חידושים אויף דער הייליגער תורה.